**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/18/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

# גאווערנער האקול אנאנסירט 3.3 מיליאן דאלאר צו פארברייטערן גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס פאר יוגענטליכע

***פעדעראלע געלטער צו העלפן פראפעסיאנאלן צו בעסער צושטעלן סערוויסעס פאר יוגענטליכע וועלכע זענען דיאגנאזירט מיט גייסטישע געזונטהייט פראבלעמען צוזאמען מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס אדער דראג באנוץ קראנקהייט***

***גרענטס געשאנקען פאר 80 קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס ווי אויך פאר NYU Langone Health און SUNY סטאָוני ברוק***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט מער פון 3.3 מיליאן דאלאר פאר קאמיוניטי-באזירטע העלטקעיר פראפעסיאנאלן וואס וועט פארמערן די צוטריט צו גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס פאר קינדער און פאמיליעס אריבער די גאנצע סטעיט. ווערנדיג פארטיילט דורך די סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונטהייט (Office of Mental Health, OMH), זענען די פעדעראלע געלטער געציהלט צו ארויסהעלפן קאמיוניטי-באזירטע סערוויס פּראָווײדערס צו בעסער צושטעלן סערוויסעס פאר קינדער און יוגענטליכע וועלכע זענען דיאגנאזירט מיט א גייסטישע קראנקהייט צוזאמען מיט אן אנטוויקלונג דיסאביליטי אדער א דראג באנוץ קראנקייט.

"צוטריט צו גייסטישע געזונטהייט פראגראמען איז א קריטישע באשטאנדטייל פון אונזערע באמיאונגען צו זיכער מאכן אז ניו יארקער באקומען די קעיר וואס זיי דארפן פאר זיך און זייערע באליבטע", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "צו אפט שטויסן זיך שוואכערע באפעלקערונגען אן אין שטרויכלונגען צו זייערע מעגליכקייטן צו באקומען גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס, און די גרענטס וועלן העלפן פארברייטערן צוטריט צו פראגראמען איבערן סטעיט, העלפנדיג שטיצן מער יונגע ניו יארקער צו אדרעסירן זייערע גייסטישע געזונטהייט געברויכן ווי עס דארף צו זיין."

די גרענטס ווערן פינאנצירט דורך דעם 'אמעריקאנער רעטונג פלאן געזעץ' ( American Rescue Plan Act) און דורך א צייט-באגרעניצטע פארברייטערונג פון די חלק וואס די פעדעראלע מעדיצינישע הילף צאלט פאר מעדיקעיד פראגראמען. קאמיוניטי-באזירטע דאקטוירים זענען פארבעטן געווארן צו פארשלאגן שעפערישע פראיעקטן צו נאכקומען די באדערפענישן פון די קינדער און פאמיליעס פאר וועם זיי גיבן סערוויסעס.

**אפיס פון גייסטישע געזונטהייט קאמישאנער, דר. ען סאַליוואן, האט געזאגט,** "די גרענטס וועלן ערלויבן אונזערע דאקטוירים אין קאמיוניטיס ארום די סטעיט צו פארבעסערן און פארברייטערן די סערוויסעס וואס זיי שטעלן צו פאר שוואכערע יוגענטליכע וועלכע לעבן מיט גייסטישע געזונטהייט שוועריגקייטן און אזוי אויך דראג באנוץ קראנקהייטן אדער אנטוויקלונג דיסאביליטיס. דורכן פארמערן

צוטריט, מיטארבעט און קאארדינאציע פון באהאנדלונג און סערוויסעס וועלן אונזערע קאמיוניטי-באזירטע שותּפים קענען ווירקזאמערהייט צושטעלן סערוויסעס פאר פיל מער יוגענטליכע און פאמיליעס."

**אפיס פון אדיקשען סערוויסעס און שטיצע (Office of Addiction Services and Supports) קאמישאנער, טשינאַזאָו קאנינגעהעם, האט געזאגט,** "א ברייטע צוגאנג צו באהאנדלען סיי גייסטישע געזונטהייט און סיי דראג באנוץ קראנקהייטן איז א וויכטיגע טייל פון די קעיר וואס ווערט געגעבן פאר מענטשן אריבער גאנץ ניו יארק סטעיט. די שריט זענען וויכטיגע אינציאטיוון וועלכע וועלן ערפילן א קריטישע געברויך, און א דאנק די געלטער וועלן מער יונגע מענטשן האבן געלעגנהייטן צו באקומען די קריטישע סערוויסעס אין זייערע אייגענע קאמיוניטיס צו שטיצן זייער לאנג-טערמיניגע געזונטהייט צושטאנד."

די גרענטס רעכענען אריין מער פון 1 מיליאן דאלאר וואס איז צוטיילט געווארן צווישן 35 נישט-פאר-פארדינסט קאמיוניטי-באזירטע פראגראמען וועלכע אפערירן אונטער קאנטראקטן מיט די אפיס פון גייסטישע געזונטהייט אדער וועלכע ווערן פינאנצירט דורך די אגענטור אדער קאונטי גייסטישע געזונטהייט דעפּארטמענטס וועלכע האבן לאקאלע קאסעס אדער געלטער פון די סטעיט. די גרענטס וועלן שטיצן דאס פארברייטערן זעלבסטמארד פארמיידונג אינציאטיוון, רעספּיט פראגראמען, סערוויסעס פון שטיצע גרופּעס פאר פאמיליע און יוגנטליכע און קעיר מענעדזשמענט נישט-פאר-מעדיקעיד פראגראמען פאר קינדער.

נאך $760,000 איז צוטיילט געווארן צווישן 19 קאמיוניטי-באזירטע פראפעסיאנאלן צו שטיצן באמיאונגען צו אוועקשטעלן שיטות צו פארמערן צוזאמענארבעט און רעדוצירן דאס זיך פארלאזן אויף עמערדזשענסי סערוויסעס פאר טראנספּארטאציע. פראיעקטן וועלכע האבן באקומען פינאנצירונג רעכענען אריין אזעלכע וועלכע קויפן מעטראָו קארטלעך צו העלפן אוועקנעמען טראנספּארטאציע שוועריגקייטן פאר מענטשן וועלכע באקומען סערוויסעס, און אזוי אויך אזעלכע וועלכע פארברייטערן און פארבעסערן גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס וועלכע זענען געווידמעט פאר פאציענטן אין א הויכע סכנה וועלכע געפונען זיך נישט אין אן אנשטאלט.

די געלט רעכנט אויך אריין $760,000 וואס איז פארטיילט געווארן צווישן 19 פראגראמען צו אוועקשטעלן אדער פארבעסערן סערוויס קאארדינאציע און מאנשאפטן וואס באשטייען פון פארשידענע ספּעציאליסטן. פראיעקטן וועלכע האבן באקומען פינאנצירונג רעכענען אריין אזעלכע וועלכע ארבעטן צו איינפירן אן עלעקטראנישע ציפערן זאמלונג סיסטעם און דאס קאארדינירן באגעגענישן פון מאנשאפט פון פארשידענע סארטן מומחים און דאס ערמעגליכן פאר א קינדער'ס גייסטישע געזונטהייט ריהעבּיליטעישען סערוויסעס פראגראם פאר פראפעסיאנאלן.

נאך $280,000 איז פארטיילט געווארן צווישן זיבן פראגראמען מיט די ציהל צו פארברייטערן סערוויסעס פאר באהאנדלונגען וועלכע קומען פאר אין די זעלבע צייט פאר פאציענטן וועלכע לעבן מיט גייסטישע געזונטהייט צוזאמען מיט אן אנטוויקלונג דיסאביליטי אדער א דראג באנוץ קראנקהייט. פינאנצירטע פראיעקטן רעכענען אריין דאס צולייגן נאך א דאקטאר פאר יוגענטליכע וועלכע זענען דיאגנאזירט מיט אפאר פראבלעמען, צושטעלן טרענירונג פאר איינגעשטעלטע אין מעדיצין-באגלייטע באהאנדלונג און טראומא-באזירטע קאגניטיוו ביהעיוויאר טעראפיע און דאס איינפירונג פון אן באהאנדלונג מאדעל וואס איז באזירט אויף ציפערן פאר יונגע צענערלינגען און יונגע ערוואקסענע וואס איז אויסגעשטעלט צו רעדוצירן באנוץ מיט שעדליכע מאטעריאלן און צו פארבעסערן גייסטישע געזונטהייט.

אין צוגאב, האבן NYU Langone Health און די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק (State University of New York, SUNY) אין סטאָוני ברוק ביידע באקומען $250,000 צו צושטעלן טרענירונג וואס וועט העלפן גייסטישע געזונטהייט פראפעסיאנאלן בעסער צושטעלן סערוויסעס פאר מענטשן

וועלכע זענען דיאגנאזירט מיט- און לעבן מיט א גייסטישע קראנקהייט צוזאמען מיט אן אנטוויקלונג דיסאביליטי. טרענירונג וועט אריינרעכענען דאס פארמערן באקאנטשאפט מיט צוגענג וועלכע זענען באזירט אויף באווייזן און סקילס צו בעסער ארבעטן מיט- און באהאנדלען יוגענטליכע און פאמיליעס וועלכע האבן צוויי דיאגנאזעס.

**קאנגרעסמאן פאול טאנקא האט געזאגט,** "די קאוויד פאנדעמיע האט געהאט גאר שווערע ווירקונגען אויף די גייסטישע געזונטהייט פון אמעריקאנער, און ווייניג מענטשן האבן געליטן מער פון אונזערע קינדער. איך בין שטאלץ געווען צו אונטערנעמען שריט צו שריט צו אדרעסירן די קריזיס מיט געלטער פאר גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס אין אונזער 'אמעריקאנער רעטונג פלאן', און איך זעץ ווייטער פאר צו דרוקן פאר ווייטערע שריט דורך לעגיסלאציע, אריינרעכענענדיג מיין 'קאוויד-19 גייסטישע געזונטהייט פארשונג געזעץ' (COVID-19 Mental Health Research Act). איך בין דאנקבאר אז פאמיליעס ארום ניו יארק סטעיט וועלן יעצט באקומען די סערוויסעס וואס זיי דארפן און וואס קומען זיך זיי."

**קאנגרעסמאן דזשאָו מארעלי האט געזאגט,** "עס איז יעצט שווערע צייטן, און עס איז קריטיש אז מיר זאלן לייגן אלץ פריאריטעט אונזער געמיינזאמע גייסטישע געזונטהייט — באזונדערס פאר יונגע מענטשן וועלכע מוטשענען זיך מעגליך. איך בין שטאלץ צו האבן געברענגט די פעדעראלע געלטער און העלפן דורכברעכן שטרויכלונגען וועלכע פארמיידן פאמיליעס פונעם צוקומען צו קריטישע גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול'ס איבערגעגעבנקייט צו נאכקומען די העלטקעיר באדערפענישן פון אונזער קאמיוניטי, און איך קוק ארויס צו אונזער אנגייענדע ארבעט צוזאמען צו אונטערהייבן פאמיליעס."

**סטעיט סענאטארשע סאמרא ברוק האט געזאגט,** "די נויט פאר גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס פאר אונזערע קינדער איז קיינמאל נישט געווען העכער, און דערפאר בין איך פרייליך אז גאווערנער קעטי האקול האט ארויסגעגעבן 3.3 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע פינאנצירונג צו העלפן קאמיוניטי-באזירטע פראפעסיאנאלן צו דינען אונזערע יוגענטליכע און זייערע פאמיליעס. אלץ פארזיצערין פון די סענאט גייסטישע געזונטהייט קאמיטע (Mental Health Committee) האב איך געזעהן וויאזוי די פאנדעמיע האט פארערגערט די גייסטישע געזונטהייט שוועריגקייטן מיט וועלכע יונגע מענטשן מוטשענען זיך, און איך קוק ארויס צו פארזעצן צו ארבעטן מיט די גאווערנער און אנדערע שותפים צו פארגרעסערן די קאפאציטעט פון אונזער ארבעטסקראפט און אדרעסירן די באדערפענישן פון אונזערע פאמיליעס דורך באהאנדלונג אנשטאט דורך די קרימינאלע יוסטיץ סיסטעם."

**סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק צייטווייליגע טשענסעלאר, דעבארע פ. סטענלי, האט געזאגט,** "די לאנג-טערמיניגע השפעות פון דעם קאוויד קריזיס אויף די גייסטישע געזונטהייט וועט זיין באדייטנד, באזונדערס פאר יונגע מענטשן וועלכע האבן זיך אנגעטראפן מיט באדייטנדע שוועריגקייטן פון מורא האבן, פילן עלנד, ענקזייעטי און דעפרעסיע דורכאויס די פאנדעמיע. עס איז גאר וויכטיג אז מיר זאלן צושטעלן די נויטיגע מיטלען צו אדרעסירן די 'שאטן עפידעמיע' כדי אז די קומענדיגע דור זאל באמת קענען בליהען און מצליח זיין. מיר אפלאדירן די סטאָוני ברוק אוניווערסיטעט פארן נישט נאר העלפן סטודענטן, נאר פאר אויך צושטעלן די קריטישע סערוויסעס פאר די ברייטערע קאמיוניטי אין א צייט ווען עס פעהלט די מערסטע אויס. א דאנק פאר גאווערנער קעטי האקול פאר איר פירערשאפט אינעם אנווייזן גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס און פאר די אפיס פון גייסטישע געזונטהייט פאר זייער צוזאמענארבעט."

**הויפט פארשערין, דר. לאורען דאַנעלי, קלינישע אסיסטענט פראפעסאר ביי די דעפארטמענט פון קינדער און יוגענטליכע פסיכיאטריע פון די Hassenfeld קינדער שפיטאל ביי NYU Langone, האט געזאגט,** "די גרענט וועט אונז ערלויבן צו נעמען די טרענירונג און קאנסאלטעישען מאדעל וואס מיר האבן דורכגעפירט איבער גאנץ ניו יארק סיטי און עס שטעלט צו פארטיפנדע טרענירונגען וואס זענען

באזירט אויף באווייזן פאר פראפעסיאנאלן ארום ניו יארק סטעיט. מיר באדאנקען גאווערנער האקול און די סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונטהייט פאר די שטיצע צו פארמערן די זעלבסט-זיכערהייט און סקילס פון פראפעסיאנאלן ביים ארבעטן מיט די באפעלקערונג און צו נאכקומען די קריטישע נויט."

**סטאוני ברוק אוניווערסיטעט פרעזידענט, מאָורי מעקאיניס, האט געזאגט,** "גאווערנער האקול'ס פארטיילונג פון גייסטישע געזונטהייט געלטער צו שטיצן טרענירונג פאר פראפעסיאנאלן איז קריטיש און א גאר נויטיגע טריט פאראויס צו זיכער מאכן אז די וועלכע ווערן דיאגנאזירט מיט גייסטישע געזונטהייט פראבלעמען און מיט אן אנטוויקלונג דיסאביליטי האבן צוטריט צו די קעיר וואס קומט זיך זיי. מענטשן מיט דיסאביליטיס קענען זיך אפט אנטרעפן מיט שוועריגקייטן ביים זיך ווענדן פאר עפעקטיווע און צוגענגליכע גייסטישע געזונטהייט קעיר, אבער מיט מער טרענירונג וואס ערלויבט פאר דאקטוירים צו ארבעטן פון די נאענט מיט פאציענטן און פאמיליע מיטגלידער — ברענגט עס ספעציאליזירטע, ווירקזאמע באהאנדלונג אפיציעס פאר די וועלכע דארפן עס."

סכומים פון די גרענטס פאר קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס לויט די [OMH ראיאן] רעכענען אריין:

**Central New York**

- Chenango County Behavioral Health Services
- The Neighborhood Center
- Cayuga Counseling Services
- Integrated Community Alternatives Network
- Essex County Mental Health
- Upstate Cerebral Palsy
- Salvation Army Syracuse Area Services
- United Helpers
- Families First in Essex County
- Family Resource Network
- Family Counseling Center
- Integrated Community Alternatives Network
- Upstate Cerebral Palsy
- The Neighborhood Center

**Hudson Valley**

- MHA of Westchester
- Orange Co Dept of Mental Health
- ANDRUS
- Cove Care Center
- Westchester Jewish Community Services
- Family Services of Westchester
- Rehabilitation Support Services
- St. Catherine's Center for Children
- Cove Care Center
- MHA of Columbia-Greene Counties
- Family Services of Westchester
- Family Ties of Westchester

- Westchester Jewish Community Services

**Long Island**

- North Shore Child & Family Guidance Center
- Central Nassau Guidance and Counseling
- Hispanic Counseling Center
- Family and Children's Association
- North Shore Child & Family Guidance Center
- Hispanic Counseling Center
- SCO Family of Services - Glen Cove

**New York City**

- University Settlement
- JCCA
- Astor Services for Children & Families
- Greenwich House
- The Jewish Board
- Center for Alternative Sentencing & Employment Services
- Bleuler Psychotherapy Center
- Ackerman Institute for the Family
- NY Foundling Identity & Acceptance Program
- Ohel Children Homes and Family Services
- The Puerto Rican Family Institute
- SBH Community Services
- VNS Friends Clinic
- The Child Center of NY
- Ohel Children Homes and Family Services
- Maimonides Medical Center
- Episcopal Health Services, St. John's Episcopal Hospital
- Hudson Guild
- Pesach Tikvah Hope Development, Inc
- Association to Benefit Children
- CommuniLife
- The Child Center of NY
- University Settlement
- Berkshire Farm Center and Service for Youth
- Lexington Center for MH Services

**Western New York**

- InTandem
- Chautauqua County Department of Mental Hygiene
- Niagara County Department of MH and Substance Abuse Services
- Hillside Children's Center

- Horizon Health
- Catholic Charities of Buffalo
- New Directions Youth and Family Services
- Villa of Hope
- Chautauqua County Chapter NYSARC Inc.
- MHA Niagara County
- New Directions Youth and Family Services
- Camp Get-A-Way of Western NY
- Housing Options Made Easy
- Compeer West dba Compeer of Greater Buffalo
- Mental Health Advocates of Western NY
- Catholic Charities of Rochester dba CC of Steuben/Livingston
- Hillside Children's Center
- Aspire Hope NY
- MHA of Rochester/Monroe County Inc
- Compeer Rochester

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418